שנה ג׳
נומער ק״א
פרשת ויצא
תשפ״ב

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט״א



נסיעה קיין אומאן
מיט מוהרא״ש זי״ע
שנת תשמ״ו

## א ווארט
פונעם ראש ישיבה שליט״א

### א שיינער שבת טיש

עס איז דא היינט הערליכע מעשה ביכלעך וואס מען קען פון דארט נעמען שיינע מעשיות; א שבת טיש איז נישט א צייט וואס מען רעדט פאליטיק וכדומה, ביים שבת טיש זינגט מען זמירות און מען פארציילט מעשיות פון תפילה; אז מען פירט א שיינע שבת טיש האט מען אנדערע סארט קינדער, ווייל אז מען אינוועסטירט אין די קינדער האט מען זיכערע רווחים.

(עצתו אמונה כי תצא תשע״ו)

פרשת ויצא תשפ״ב
ט׳ כסלו

## זמנים
Liberty

הדלקת הנרות ........... 04:22
מוצאי שבת .............. 05:52

**מנחה מעריב פאר פרשת וישלח ............... 05:30**

# שטעטל נייעס

## קרית ברסלב שאטל צוריק אין באניץ




ווי באקאנט פאר אלע איינוואוינער אין שטעטל, איז פאר כמעט א יאר צוריק איינגעקויפט געווארן א נייע "שאטל" באס פארן באניץ אינעם שטעטל.

מיטן פארברייטערטן ציבור וואס וואוינט קע"ה אינעם שטעטל, האט דער ראש ישיבה באשלאסן אז עס איז א נחיצות צו האבן א גרינגע און ביליגע טראנספארטאציע מיטל, סיי אנצוקומען פון איין זייט שטעטל צו די אנדערע, און סיי ארויסצופארן פון שטעטל איינצוקויפן אין די לאקאלע געשעפטן און אזוי ווייטער.

די שאטל איז געווען אין באניץ ביז לעצטנ'ס, בפרט אין די זוממער חדשים איז עס גאר גוט געווארן גענוצט, סיי פאר די שטעטל איינוואוינער און אזוי אויך פאר די משפחות וואס קומען אין די זוממער חדשים ווײלן אין שטעטל, פון וואס אלע האבן זייער הנאה געהאט.

די לעצטע פאר חדשים האט זיך געמאכט געוויסע קאמפליקאציעס מיטן שאטל, וואס האט צוגעברענגט אז מען זאל עס נישט קענען ניצן, וואס דאס האט שווער געמאכט צו קענען אנקומען פון איין פלאץ צום אנדערן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער געוואלט אז די שאטל זאל צוריק אריין גיין אין דינסט ווי אמשנעלסטן, ברוך השם מען האט געקענט פאררעכטן דעם שאטל, אזוי אויך האט מען געזוכט א דרייווער פארן שאטל, און שכח אייבערשטער מען האט געקענט טרעפן גאר א גוטע איבערגעגעבענע דרייווער.

ברוך השם אז דער שאטל איז צוריק אויפן ראוד און באדינט שוין ווייטער דעם ציבור, נאך בעסער און שענער פון וואס עס איז געווען ביז יעצט, אדרבה פרובירט עס אויס וועט איר זיך אליין איבערצייגן.

## נייע איינריכטונגען אין בית המדרש



אין די טעג איז אנגעקומען א הערליכער טשילאר פאר דער בית המדרש אויף די האשקי גאס, וואס איז שוין א לאנגע צייט צוריק באשטעלט געווארן. האברך החשוב אייזיק אפפעל הי"ו איז ספעציעל געקומען צו פארן פון שטאט עס צאמצושטעלן און ארויפלייגן, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעס גוטס.

אזוי אויך האט מען אין די טעג שיין געפעינט (געפארבט) די ווענט און די טירן פון בית המדרש, און אזוי אויך פארמאכט אלע לעכער אויף די ווענט, ווי עס פאסט זיך פארן רבינ'ס בית המדרש.

אזוי אויך וועט מען אין די נאנטע טעג אינסטאלירן א מאשין וואס וועט מאכן די טעלעפאן סערוויס זאל ארבעטן אינעם בנין, וואס דאס איז זייער א וויכטיגע זאך וואס מען דארף האבן, אין פאל עס פאסירט אן אמורזשענסי חס ושלום, זאל מען קענען גלייך רופן הצלה.

אזוי אויך ארבעט מען יעצט אויס די לעצטע פלענער צו אהערשטעלן מער פארקינג פאר די קארס, וואס דאס פעלט זייער שטארק אויס, בפרט אין די ווינטער טעג וואס מען קען זייער גרינג בלייבן שטעקן אין די שניי, מען האפט אין די נאנטע טעג אנצוהייבן די ארבעט.

יעדן טאג אינדערפרי' זענען דא דריי מנינים קביעים מיט באשטימטע בעלי תפילות פאר תפילות שחרית, אינדערפרי' פארן דאווענען זיצן שוין אינגעלייט און לערנען זייערע שיעורים קבועים, אינמיטן טאג זיצן די כולל אינגעלייט און לערנען פלייסיג, ביינאכט טרעפט מען ווייטער אינגעלייט לערנען מיט א געשמאק זייערע שיעורים, אזוי אויך איז דא א דף גמרא שיעור אינדערפרי' און אזוי אויך ביינאכט. לערנען תורה מאכט דעם מענטש פריילך, און דאס נעמט מען מיט אויף יענע וועלט.

## היכל הקודש
# נייעס

היכל הקודש וויליאמסבורג

## אסיפות הורים - נחת איווענט



א הערליכער אסיפות הורים - נחת איווענט, איז פארגעקומען פאראגאנגענעם דינסטאג נאכט פרשת תולדות העעל"ט, ווי עס זענען זיך צאמגעקומען אלע חשובע עלטערן וואס שיקן די קינדער אינעם מוסד, ווי מען איז איבערגעגאנגען מיט די חשובע איינגעשטעלטע אלע איינצעלהייטן פונעם קינד, און וואס מען קען מאכן בעסער פאר די וואוילזיין פון די קינדער.

גאר א וויכטיגער שיעור איז געהערט געווארן פונעם ראש ישיבה שליט"א ספעציעל פאר דעם איווענט, וואו דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט גאר וויכטיגע נקודות וואס מען דארף וויסן ווען מען שיקט די קינדער אינעם מוסד.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: געלויבט דעם איבערשטן אז דאס יאר איז מען אריין אינעם צוועלפטן יאר וואס מיר האבן אזא שיינעם סקול בית פיגא.

מען דארף וויסן אז די עלטערן מיט די איינגעשטעלטע פון די סקול דארפן ארבעטן צוזאמען, ביידע דארפן וועלן די זעלבע זאך. עס איז אבער דא א זאך וואס מען האט נאכנישט גערעדט פון דעם ביז אהער. דאס איז אז די איינגעשטעלטע אינעם מוסד האבן מורא צו זאגן די אמת פאר די עלטערן, מען פרעגט דעם מלמד וואס מאכט מיין קינד, זאגט דער מלמד אז דאס קינד איז זייער וואויל, אבער באמת איז עס נישט אזוי.

עס איז זייער שווער פארן מלמד אדער טיטשער צו זאגן דעם אמת פאר די עלטערן, אבער מען דארף זעהן א וועג וויאזוי צו וויסן די אמת וויאזוי די קינדער פירן זיך אויף.

קוק אריין דעם מלמד/טיטשער אין פנים און פרעגט זיי שטרענג: איז מיין קינד טאקע וואויל, איז ער טאקע דרך ארץ'דיג? מען דארף זעהן צו אויפציען ערליך און דרך ארץ'דיגע קינדער.

אזוי אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט פון די ווי וויכטיג ס'איז אז די עלטערן זאלן קיקן אויף די קינדער, און נישט זיין פארנומען מיט די טעלעפאון די גאנצע צייט. דער ראש ישיבה האט געווארנט צו די עלטערן "ברענגט נישט אריין קיין טעבלעט/טעלעפאון אינדערהיים", קינדער ווייסן וויאזוי צו עפענען די טעלעפאון, בשעת די עלטערן חלום'ען ניטאמאל דערפון.

מען דארף האבן א מורה דרך אין לעבן וואס ער זאל זאגן וויאזוי זיך צו פירן, דו מוזט נישט קומען צו מיר פרעגן דיינע שאלות און ספיקות, איך וויל דיר נאר מעורר זיין זאלסט האבן איינעם אין לעבן וועם דו פאלגסט.

די ווערטער פונעם ראש ישיבה האט זייער שטארק אויפגעשאקלט אלע עלטערן, און אלע האבן זיך פארגענומען צו פאלגן די הדרכות פונעם ראש ישיבה שליט"א.

היכל הקודש וויליאמסבורג

## כולל מסיבה אדורך מיט הצלחה

דער בארימטער כולל היכל הקודש, דאס שפיגעלע פון מוסדות היכל הקודש, דארף נישט קיין גרויסע ערקלערונגען. אין דעם כולל גייט מען נישט ווייל מ'דארף געפעלן פאר די ווייב'ס חבר'טעס אדער ווייל דער שווער וויל אן איידעם א כולל אינגערמאן.

דא זיצן אינגעלייט וואס זענען באמת תורתם אומנתם, וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געזען אין זיי אן אמת'ער פאטענציאל צו זיין די קומענדיגע דור פון דיינים, מורי הוראה, שוחטים, א.א.וו. וואס זיצן באמת באהלה של תורה, און ווייסן נאר פון די ד' אמות של הלכה.

ווי יאר יערליך גרייט מען זיך פאר א גרויסארטיגע מסיבה לטובת דעם הייליגן כולל אין וויליאמסבורג וואס ווערט בעז"ה פארקומען אין שטוב פון מו"ה אליעזר שטרויס הי"ו, און בכדי צו אנצוואווארעמען דעם ציבור אנשי שלומינו, האט דער כולל גערופן דעם ציבור צו א "מסיבת הכנה" מיטן ציל אויפצוארבעטן די מאקסימום שטיצע צום בעפארשטייענדן טיי איווענט.

דער מסיבה איז פארקומען פאראגאנגענעם מיטוואך פרשת תולדות אין שטוב פון מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו אין וויליאמסבורג.

פיינע געשמאקע מאכלים קאלט'ס אוןווארעמ'ס איז סערווירט געווארן, און עס איז געווארן אדורך געשמועסט אלע אפציעס וויאזוי מען קען אהערשטעלן דעם מסיבה וואס קומט בעזרת השם, עס זאל האבן די ריכטיגע הצלחה.

דער בארימטער "כולל היכל הקודש" ווערט פינאנצירט דורך די גוטהארציגע נדבות פון אנשי שלומינו, וואס פארשטייען די חשיבות פון די אינגעלייט תלמידי חכמים ולומדי תורה, אידן וואס ווילן האבן די זכיה צו מנדב זיין פארן כולל, קען מען רופן מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו אויף 347-675-8187 אדער 347-585-6166. אדער אויף דעם לינק thekolel.com



# מעשיות פון תפילה

## שלום אלי' פעלבערבוים:

איך שלאף אין דארמיטארי. איין נאכט איז געווען זייער קאלט אין דארמיטארי, האב איך זיך דערמאנט וואס דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז כסדר, אז וואס מען וויל קען מען בעטן דעם אייבערשטן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל ווערן ווארעם. נאך אפאר מינוט האב איך געכאפט אז די רימאט פון די סטים האט שוין נישט קיין בעטערי' וועגן דעם ארבעט עס נישט.

ס'איז שוין געווען זייער שפעט ביינאכט און איך האב געוואלט גיין אין גראסערי קויפן א בעטערי' האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן א גראסערי' וואס איז נאך אפן.

איך בין געגאנגען צו איין גראסערי אבער ס'איז שוין געווען פארמאכט, האב איך ווייטער געבעטן און געגאנגען צו א צווייטע גראסערי' וואס האט שוין געהאלטן ביים שפארן אבער ווייל איך בעט דעם אייבערשטן האט מען מיך נאך אריינגעלאזט און איך האב געקענט קויפן א נייע בעטערי' פאר די סטים.

שכח אייבערשטער!

## מרדכי אהרן היילפרין:

א) שמחת תורה האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ביז שבת חנוכה וועט ער נישט קומען אין שטעטל פאר א שבת. איך האב זייער שטארק געוואלט דער ראש ישיבה זאל יא קומען זיין מיט אונז פאר א שבת, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה זאל יא קומען נאך פאר שבת חנוכה.

שכח אייבערשטער אז שבת חיי שרה שבת מברכים כסליו איז דער ראש ישיבה געקומען אין שטעטל פאר שבת.

ב) ערב שבת חיי שרה ווען דער ראש ישיבה איז דא געווען פאר שבת, האב איך זייער שטארק געוואלט וויסן וואו דער ראש ישיבה וועט דאווענען פרייטאג צונאכטס. ווייל אז דער ראש ישיבה איז שוין אין שטעטל פאר שבת וויל איך מיטהאלטן אלע תפילות. האב איך געפרעגט דעם ראש ישיבה וואו ער וועט דאווענען, אבער דער ראש ישיבה האט מיך נישט געענטפערט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל וויסן וואו דער ראש ישיבה וועט דאווענען.

למעשה בין איך געגאנגען אין האשקי שול און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה זאל טאקע דאווענען דארט, שכח אייבערשטער אז דער ראש ישיבה האט געדאווענט דארט.

שבת צופרי ווען איך בין אנגעקומען אין האשקי שול איז דער ראש ישיבה נאכנישט געווען אין שול, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן נאכאמאל אז דער ראש ישיבה זאל דא דאווענען. און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז דער ראש ישיבה האט טאקע געדאווענט אין האשקי שול אויך צופרי'.

שכח אייבערשטער!

## אברהם יצחק אייזנער:

איך בעט שוין זייער א לאנגע צייט דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען אופשטיין פרי יעדן טאג און האבן אסאך צייט צו לערנען מיינע שיעורים כסדרן און אויך קענען זיין ביי די טעגליכע דף שיעור פונעם ראש ישיבה וואס קומט פאר אין ישיבה יעדן צופרי' 8:00, פארן גיין צו די ארבעט.

שכח אייבערשטער אז די גאנצע וואך בין איך אויפגעשטאנען גאר פרי און געהאט זייער אסאך צייט צו לערנען אזוי אז איך האב געקענט ענדיגן רוב פון מיינע שיעורים נאך פאר דער טאג האט זיך אנגעהויבן, און אויך געקענט זיין ביים דף שיעור.

## שלום יוסף ניישטיין:

שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן לייסענס צו פירן א קאר, ביז דערווייל האב איך נאר געהאט א פערמיט אבער נישט קיין לייסענס.

געלויבט דעם אייבערשטן אז ממש לעצטענס האב איך באקומען א צייט ביי זיי צו קענען מאכן די ראוד טעסט, איך האב יעדן טאג געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס דורך מאכן ביי די ערשטע מאל, ווייל זייער אסאך מאל הערט מען אז מען מאכט עס נישט דורך ביים ערשטן מאל.

שכח אייבערשטער אז ס'איז דורך זייער גרינג גלייך ביים ערשטן מאל אן קיין שוועריקייטן און עגמת נפש.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א ברייוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

### אַזאַ שֵׁיינֶע חַבוּרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵצֵא, ה' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, דוּ לֶערְנְסְט פַּארְטָאגְס אִין כוֹלֵל בּוֹקֶר הִלְכוֹת טָהֳרָה; טוּר בֵּית יוֹסֵף אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע נוֹשְׂאֵי כֵּלִים. אוֹיךְ לֶערְנְסְטוּ בַּיינַאכְט גְמָרָא, דוּ הַאלְסְט מִיט דֶעם דַף גְמָרָא וָואס מִיר לֶערְנֶען.

אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען בַּאזוּכְן אִין שְׁטֶעטְל לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, סֵיי עֶנְק צוּ מְחַזֵק זַיין אוּן סֵיי אִיךְ זָאל הָאבְּן חִיזוּק. וֶוען אִיךְ גֵיי צוּ אַייךְ אִין שְׁטֶעטְל וֶוער אִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַייךְ, צוּ זֶען אַזאַ שֵׁיינֶע חַבוּרָה טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס לֶעבְּן מִיט דִי לִימוּדִים וָואס מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט - מִיט אַזאַ אַחְדוּת, מִיט אַזאַ לִיבְּשַׁאפְט.

אַ גְרוּס פוּן דַיין טָאכְטֶער; פָּארִיגֶע וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אִין חֶדֶר אוּן אִין סְקוּל, וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן קַיין שׁוּם מוֹסָד אִין דִי וֶועלְט.

דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ, זֵיי לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה. דִי מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג, מַמָּשׁ וִוי אַזוֹי מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעוָואלְט.

### אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵצֵא, ה' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

שְׁטַארְקְס אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ טִיטְשֶׁער אִין בֵּית פֵּיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שְׂכַר פוּן לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, זֵיי אוֹיפְצוּעֶן עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ בְּרִיוְון וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי יְשִׁיבָה; שְׁטֶענְדִיג הָאט מִיר מוֹהֲרָא"ש בַּאטָאנְט דִי נְקוּדָה, אַז אִיךְ זָאל זֶען עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער צְוִוישְׁן דִי בָּחוּרִים. וַוייל שִׂמְחָה אִיז דִי הַצְלָחָה; אַז עֶס אִיז דָא שִׂמְחָה אִיז דָא מוֹחִין, עֶס עֶפְנְט דִי מֹחַ, אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין וָואס מֶען לֶערְנְט. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זֶען צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער (מִיט אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט) אוּן זֵיי כְּסֵדֶר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועט אִיר הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

## חידות אפטיילונג

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: אֵיינֶער וָואס אִיז צוּגֶעוואוינְט צוּ שֶׁעלְטְן:**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. פארלירט זיינע חברים

ב. איז אין עולם התהו

ג. איז נישט מצליח

ד. פאלירט זיין פרנסה

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער רבי זאגט:אז מען געבט צדקה נעמט מען אוועק פון זיך:

**ענטפער:** **אלע דינים**

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז

**רותי מזרחי תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**הערשל שניטצלער הי"ו וזוגתו מלכה תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

18carrot
nature sparkles

For all your
Vitamins & Health products
Call Zussman
1-833-818-5433
ask@18carrot.life

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# הפצה ווינקל




## בריוו

בְּעֶזְרַת הַ' יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ טֵבֵת, ו' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַאךְ אַן הִתְעוֹרְרוּת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוער עֶס וִויל הֶעלְפְן אוּן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הַדְּפָסָה וְהַפָּצָה; מִיר דַארְפְן הָאבְּן יֶעצְט גְרוֹיס גֶעלְט צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ'ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

אִיךְ זֶע אַז צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט אַלֶע אַ זְכוּת צוּ הֶעלְפְן, וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל רוֹב רֶבָּם, רֻבָּם כְּכוּלָּם זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן דוּרְךְ הֲפָּצָה, וָואלְטְן זֵיי וֶוען גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל דֶערְצוּ... זֶעט אוֹיס אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ זְכִיָ' דִי גֶעלְט זָאל אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם הֵיילִיגְן זַאךְ.

שִׁיק מִיר אַ בַּארִיכְט יֶעדֶע וָואךְ וֶוער עֶס הָאט אַלְץ מְנַדֵּב גֶעוֶועזְן פַאר הַדְּפָסָה.

***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה מִיטְן צוּשְׁטֵייעֶר גֶעבְּן פַאר דִי רֶענְט פוּן דֶעם חוֹדֶשׁ ... דָאלֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּנֶעם עֶרָאפְּלַאן, פוּן הֶעכֶער דִי וָואלְקֶענֶעס פָארְנְדִיג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, וואוּ אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אִין עֶירְפָּארְט אַז מֶען הָאט דִיר אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט צוּם ... שְׁפִּיטָאל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דַיין מַכָּה זָאל זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן אוּן זָאלְסְט קֶענֶען אַהֵיים גֵיין צוּ דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער בְּקָרוֹב.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט מְנַדֵּב זַיין גֶעלְט פַאר הַדְּפָסָה; מוֹהֲרַ"ש הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וֶועט מֶען זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער. פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט "קֶרֶן הַדְּפָסָה".

## א מעשה פון הפצה

קרעדיט: יואל טייטלבוים.

א קנאפע צוואנציג יאר צוריק בערך אין יאר תשס"ב האב איך געטראפן א אינגערמאן אין גאס; איך האב געכאפט א שמועס מיט אים, ביים ענדע פונעם שמועס האב איך אים געפרעגט אויב ער דארף א קונטרס, און דער אינגערמאן האט עס גענומען פון מיר, מער האב איך פון דעם אינגערמאן נישט געהערט, איך האב נישט געוויסט אויב ער האט הנאה געהאט פון דעם קונטרס אדער אפשר איז דאס אנגעקומען אין מיסט קאסטן, דערנאך איז די מעשה אינגאנצן ארויס פון מיין קאפ.

פאריגע וואך קלינגט מיר אן א אינגערמאן און זאגט מיר: איך האב געהאט א שמועס מיט א אינגערמאן, און יענער פארציילט אים אז ער איז מקורב צום הייליגן רבי'ן, ער איז מחיה מיט די עצות וואס דער הייליגער רבי לערנט, פרעגט ער דעם אינגערמאן: ווער האט דיר מקרב געווען צו ברסלב? זאגט ער מיר אז בערך צוואנציג יאר האט אים א אינגערמאן מיט א שווארצע בארד געגעבן א קונטרס, ער געדענקט נישט וויאזוי יענער אינגערמאן הייסט, ער מיינט אז ער הייסט טייטלבוים, און פון דעמאלטס האט זיך מיר מיין לעבן געטוישט, איך האב אנגעהויבן לעבן א גוטע לעבן בגשמיות וברוחניות.

פרעגט מיר דער אינגערמאן אויב איך בין אפשר דער וואס האט מפיץ געווען דעם קונטרס פאר דעם איד פאר בערך צוואנציג יאר צוריק. זאג איך אים 'איך געדענק נישט איך זאל אים האבן געגעבן א קונטרס פאר דעם אינגערמאן'.

שפעטער נאך אפאר טאג האב איך מיך דערמאנט אז איך בין טאקע געווען דער וואס האט אים געגעבן דעם קונטרס.

נישט אלץ זעהט מען די פירות גלייך, אויף יענע וועלט ווערט אבער אלעס פארשריבן, און מען געדענקט יעדע גוטע זאך וואס מען האט געטוהן אויף די וועלט.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## פרישע פאלדינ"ג מאשין קומט אן אין בית הדפוס

מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די לעצטע נייעס אז "קרן הדפסה היכל הקודש" האט געקויפט א פרישע מאשין וואס וועט אסאך פארגרינגערן די ארבעט אינערהאלב דעם בית הדפוס.

די רעדע איז פון א נייע מאשין וואס איז ספעציעל געמאכט צו קענען דרוקן די גליונות אויף גאר א גרינגן און שנעלן פארנעם, די מאשין דרוקט זייער שנעל און טוט אויך קנייטשן די גליונות.

ביז יעצט האט מען געניצט א מאשין וואס קען נישט פארנעמען אזוי סאך גליונות אויף איינמאל, וואס דאס האט גורם געווען אז דרוקן די גליונות זאל נעמען זייער אסאך צייט.

יעצט מיטן נייעם מאשין וועט מען מיטן אייבערשטנ'ס הילף קענען דריקן צען טויזענט גליונות א שעה.

דער מאשין איז נתנדב געווארן דורך משפחת בריגער החשובה. דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס, דער זכות וועט זיי זיכער באגלייטן אויף די וועלט און יענע וועלט, אלע אידן וואס וועלן ליינען א גליון און נעמען התחזקות פונעם גליון וועט גיין אויף זייער קרעדיט בזה ובבא.

אויב נויטיגט איר זיך אין א ישועה, קענט איר אלץ מנדב זיין פארן בית הדפוס, און געהאלפן ווערן מיט די ישועה וואס איר דארפט, אזוי ווי מוהרא"ש ז"ע האט צוגעזאגט.

צו מנדב זיין רופט אין "קרן הדפסה" 103# 718-387-2691

אדער שיקט א אימעל צו donate@kerenhadfusa.org.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# בילדער פון קרן הדפסה



מאשין צו פאלדן די גליונות קומט אן



די נייע מאשין ליגט אראפגעלייגט אין בית הדפוס



מען דרוקט איבער דעם קונטרס מציאת הזווג

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| **לייבי ראטה**<br>קרית ברסלב | **יואל פריעדלענדער**<br>קרית יואל | **הרוצה בעולם שמו**<br>וויליאמסבורג |
| **שמעון ראבינאוויטש**<br>לעיקוואוד | **אייזיק קאהן**<br>דזערזי סיטי | **אייזיק ראטה**<br>וויליאמסבורג |
| **אברהם יושע וועבערמאן**<br>קרית ברסלב | **שמוליק בלעד**<br>בארא פארק | **שמעון גאנצפריעד**<br>בארא פארק |
| **שמעון זיגלער**<br>מאנסי | **ראובן בירנבוים**<br>קרית ברסלב | **מרדכי לייב טירנויער**<br>קרית יואל |

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email: **donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **518.966.2370**



# א מעשה
## פון א צדיק

### מעשה פון הייליגן רבי'ן זי"ע

אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ, עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט 'קַבָּלָה מַעֲשִׂיּוֹת', וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט: אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְן מִיט דֶעם חָלִילָה, אוּן מֶען קֶען בַּאקוּמֶען דֶערְפַאר שְׁוֶוערֶע עוֹנְשִׁים. אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ יָא בַּאנוּצְט מִיט דֶעם, אוּן עֶר הָאט בַּאוִויזְן דוּרְכְדֶעם אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן זַיינֶע חֲסִידִים מֶען זָאל נֶעמֶען רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ אוּן אִיבֶּער לֵייגְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוֹיפְן בִּימָה, מַאכְן אַ 'מַשְׁכַּנְתָּא', אוּן אִים גֶעבְּן מַלְקוֹת בָּרַבִּים, מֶען הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּהְן, אוּן מֶען הָאט אִים דוּרְכְדֶעם צוּגֶענוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, [ווַייל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען מִשְׁתַּמֵּשׁ זַיין מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיּוֹת דַארְף מֶען זַיין אַ מוֹרָא'דִיגֶער בַּעַל מַדְרֵיגָה, בִּפְרַט אַז עֶר הָאט דוּרְכְדֶעם גֶעהָאלְפְן עֲקָרוֹת, אוּן קְרַאנְקֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן וְכוּ', אוּן פְּלוּצְלוּנְג הָאט מֶען אִים דָאס אַלֶעס צוּגֶענוּמֶען,] אִיז עֶר אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ 'מָרָה שְׁחוֹרָה', עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ', אִיז דִי מִשְׁפָּחָה גֶעגַאנְגֶען מַזְכִּיר זַיין זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם צוּ אַסַאךְ צַדִיקִים, אָבֶער קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: דָאס אִיז אַ הַקְפָּדָה פוּן אַ צַדִיק, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ בִּיס פוּן אַ שְׁלַאנְג - 'חִוְיָא דְרַבָּנָן', וָואס מֶען קֶען דָאס נִישְׁט הֵיילְן.

אַזוֹי וִוי דֶעמָאלְטְס אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען נִתְפַּרְסֵם גֶעוָוארְן, הָאט זִיךְ דִי מִשְׁפָּחָה מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען, אַז מֶען וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט אַלֶעס פַארְצֵיילְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט, דִי וֶוערְטֶער: **אִיז דֶען אַ קוּנְץ אַ אִיד אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן?! אַ קוּנְץ אִיז, אַ אִיד אוֹיפְצוּהֵייבְּן!** אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מִיט אִים פַארְשְׁלָאסְן, אוּן עֶר הָאט אִים צוּרִיק גֶעגֶעבְּן אַלֶע מַדְרֵיגוֹת בִּקְדוּשָּׁה; אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת, אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה, הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט פַארְמַאכְן דִי אוֹיעֶרְן, ווַייל בַּיי יֶעדֶע וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט מַמָשׁ וִוי עֶר גֵייט אוֹיס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שעא): וֶוען אִיךְ זָאל אִים זָאגְן הֶעלְפְט פוּן דִי שִׂיחוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, וָואלְט עֶר פַארְבְּרֶענְט זִיךְ מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. ווַייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע גֶעפִיל אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַמָאל אִיז עֶר מִיט רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן נָאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעפָארְן אוֹיפְן וָואגְן צוּזַאמֶען מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִינְמִיטְן וֶועג גֶעט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַ טְרֵייסְל, אוּן פְרֶעגְט: וֶוער הָאט גֶעזֶעהְן?! קֵיינֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶעהְן, נָאר רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ רוּפְט זִיךְ אָן: אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוִויזְן עֶר זָאל זַיין שְׁטִיל.

אוֹיךְ הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג אִינְמִיטְן וַואלְד, אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַ מִקְוֶה, אִיז רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ אַרָאפּ פוּן וָואגְן אוּן גֶעמַאכְט אַ רִינְג, אוּן הָאט דָארְט אוֹיפְגֶעגְרָאבְּן, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ קְוַואל, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרָאפּ זִיךְ טוֹבֵל'ען דָארְט, אוּן רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעוָואלְט טוֹבֵל'ען, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: יִצְחָק לֵייבּ, דוּ נִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אִים זֵייעֶר מְקַנֵּא גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְכְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, הָאט רֶבִּי יִצְחָק לֵייבּ אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן דִי וֶוערְטֶער: גְלֵייבּ מִיר, אַז אַלֶע מַיינֶע הַשָּׂגוֹת אוּן מַדְרֵיגוֹת, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְּן בִּקְדוּשָּׁה, קוּמְט נִישְׁט צוּ, צוּ דַיינֶע דִיבּוּרִים; ווַייל צוּ הֶעלְפְן אַ בַּעַל בְּחִירָה אִיז מֶער פוּן אַלֶע הַשָּׂגוֹת מִיט אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

(גענומען פון קונטרס "קלאפ מיר נישט אראפ")

**מוסר השכל פון פאריגע וואך**

**ארי' לייב פליישמאן - אשר אנשיל אפעלדארפער: נישט מאכן צער בעלי חיים**
**שלמה גליק - נחמן נתן פארקאש: פאלגן א צדיק**
**יעקב אהרן לעווי - משה טייטלבוים: דאווענען אפילו איינער שטערט דיר**
**אליעזר שלמה פארקאש: מען טאר נישט ווערן אויפגערעגט**
**רייזל וועבערמאן: לערנען תורה איז די בעסטע זאך**
**רבקה וועבערמאן: מען דארף פאלגן א צדיק**



# דעם רבי'נס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 9

פארזעצונג פון פריער:

גְלַייךְ נָאךְ שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף פוּן שְׁטָאט חַרְסוֹן צוּם שְׁטָאט אָדֶעס.

...

זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְגֶען אַ פְּלַאץ אוֹיף אַ שִׁיף צוּ פָארְן קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג אַרוֹיס פוּן אָדֶעס צוּם שִׁיף זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְבַּאגְלֵייט גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד. אַסַאךְ ווֶעגֶענֶער זֶענֶען נָאכְגֶעפָארְן, מְ'הָאט זֵיי בַּאגְלֵייט מִיט גֶעזַאנְגֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

גְלַייךְ בַּיים אָנְקוּמֶען אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט זַיין בַּאגְלֵייטֶער עֶר זָאל גָארְנִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין זַיינֶע בְּלֶעטֶער. דֶער בַּאגְלֵייטֶער הָאט גֶעמוּזְט צוּזָאגְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה אַז עֶר גֵייט נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן, אוּן נָאר דֶעמָאלְט הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגְלוֹיבְּט אוּן אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם שְׁלִיסְל צוּם קֶעסְטְל.

וֶוען דִי שִׁיף הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֵייזְן אוֹיפְ'ן שְׁוַוארְצְן יַם, גְלַייךְ נָאךְ אִינֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם אוֹיפְ'ן יַם, אַזוֹי וַוייט אַז דִי כְוַואלֶיֶעס הָאבְּן אַרוֹיפְגֶעטַאנְצְן אוֹיפְ'ן שִׁיף, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט אַרַיינְגֵיין אִין אַ פַארְשְׁפַּארְטֶער צִימֶער זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם וַואסֶער. גְלַייכְצַייטִיג אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁוֶוערֶע וִוינְטְן, דִינֶערְן אוּן בְּלִיצְן, מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת פוּן דִי שְׁוֶוערֶע רֶעגְנְס אוּן דִי בּוּזְשֶׁעוֶועדִיגֶע כְוַואלְיֶעס. דֶער פַּחַד אִיז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר גְרוֹיס, אַז סְ'אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ צוּ שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט.

דָארְט אוֹיפְ'ן שִׁיף אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן נִישְׁט לַאנְג פְרִיעֶר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט. דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט זַיין בַּאגְלֵייטֶער, "הָאסְט גֶעזֶען אַז סְ'אִיז דָא גֶעוֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן פוּן וָואלְחִיוִויץ?", ר' יִצְחָק הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶען.

[טֵייל זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ קַיין קַאמִינִיץ, אוּן אִיז שְׁפֶּעטֶער נִפְטָר גֶעוָוארְן.]

נָאכְ'ן רֵייזְן פִיר טֶעג, הָאט דִי שִׁיף גֶעאַנְקֶערְט בַּיים בָּארְטְן אִין אִיסְטַאנְבּוּל. זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן נֶעבְּן יַם, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ צוּ גֵיין, מְ'הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענְט דָארְט אַ חִילוּק צְוִוישְׁן אַ אִיד אוּן אַן אַרַאבֶּער, אוּן פְרֶעגְן אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֵצָה, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי שְׁפְּרַאךְ.

זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אֵיינֶעם וָואס קֶען בֵּיידֶע שְׁפְּרַאכְן וָואס זָאל זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְן אִיבֶּערְזֶעצְן אוּן רֶעדְן פַאר זֵיי, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּגֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם וָואס הָאט זֵיי גָאר אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן. זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אוּן יֶענֶער הָאט זֵיי גֶעדִינְגֶען אַ גוּטֶע אַכְסַנְיָא אִין שְׁטָאט, אִינֶעם גֶעגְנְט מִיטְ'ן נָאמֶען גַאלִיטָא, [אִיסְטַאנְבּוּל אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי גֶעגְנְטֶער, אוּן גַאלִיטָא אִיז אוֹיפְ'ן מַעֲרָב-צָפוֹן זַיין פוּן שְׁטָאט], אָבֶער נָאכְ'ן זַיין אִינֶעם אַכְסַנְיָא פַאר אַ שָׁעָה צְוֵויי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט בְּלַייבְּן דָארְט, הָאט דֶער אִיבֶּערְזֶעצֶער גֶעפְרֶעגְט, "אֶפְשָׁר אִיז גוּט פַאר אַייךְ צוּ זַיין אִינֶעם הוֹיפְּט טֵייל פוּן אִיסְטַאנְבּוּל? דָארְטְן וואוֹינְט דֶער סוּלְטַאן מִיט דִי גַאנְצֶע מְלוּכָה, אוּן דָארְט טָארְן נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען קַיין פָאר-פֶעלְקֶער, נָאר מֶענֶער מֶעגְן זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דָארְט אִיז זִיכֶער זֵייעֶר גוּט, אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט אַהִינְגֶעגַאנְגֶען. [דָארְט אִיז דִי אַלְט-שְׁטָאט פוּן אִיסְטַאנְבּוּל, אוֹיף מַעֲרָב-דָרוֹם זַייט פוּן שְׁטָאט]. דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעבְּלִיבְּן דָארְט אַיינְשְׁטֵיין, סְ'אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דָאס פְּלַאץ.

דִי אַיינְוואוֹינֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז סְ'אִיז דָא יֶעצְט דָארְט אִין שְׁטָאט אַ מְשׁוּלָּח פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אוֹיךְ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן פוּן חוּץ לָאָרֶץ וָואס זֶענֶען יֶעצְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, "אִיךְ וָוארְן דִיךְ אָן אַז דוּ זָאלְסְט פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וֶוער אִיךְ בִּין, וֶוען מְ'וֶועט זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף מִיר זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וֶועגְן מִיר".



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

חלק ב'

### ~ שבת פרשת נח תשפ"ב ~

דער ראש ישיבה האט געהאלטן אויפ'ן שויס זיין קליינעם זוהן יחזקאל נ"י און זיך אנגערופן: "ס'איז דא מענטשן וואס ווילן נישט האבן קיין קינדער, זיי האבן נישט קיין כח צו קינדער - ווייל קינדער וויינען קינדער שטערן וכו'". און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן זינגען "א מחי' קינדער, א מחי' קינדער".

דער ראש ישיבה האט פארציילט וועגן איינער פון אנשי שלומינו וואס האט לעצטנ'ס געהאט א קינד למזל טוב אבער דאס קינד האט נאך געדארפט בלייבן אין שפיטאל. האט דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מענטשן ווייסן נישט וויפיל מען דארף בעטן דעם אייבערשטן ווען מען ווארט א שמחה אז אלעס זאל אריבערגיין גרינג און גוט.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז איינער פון די בחורים וואס זיין טאטע וואוינט אין קאנאדע, האבן אים דערציילט אז יעצט איז געווארן דארט א נייע געזעץ אז מען קען נישט אריבערגיין די גרעניץ נאר אויב מען האט גענומען די וואקסין. האט אים זיין טאטע געזאגט אז אויב דער ראש ישיבה וועט אנטראגן א גוטע שידוך זאל מען נישט אויפהאלטן די שידוך ווייל די עלטערן קענען נישט קומען.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז א רחמנות אויף מענטשן וואס האבן נישט קיין צדיק. א אינגערמאן הערט שמועסן אין שול אז מען זאל נישט נעמען די וואקסין, וויל ער עס נישט נעמען. ער האט נישט קיינעם וועם צו פרעגן, ער הערט דער עולם שמועסט אזוי, טוט ער אזוי, ווען ער הערט מענטשן זאגן פונקט פארקערט, טוט ער וואס די מענטשן זאגן. ס'איז א רחמנות אויף מענטשן וואס האבן נישט קיין צדיק, מען איז אזוי צומישט אין לעבן מען ווייסט נישט וואס צו טון.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פריילעך געמאכט די קינדער און געמאכט אינטערעסאנטע טריקס פאר די קינדער. דער ראש ישיבה האט געציילט זיינע פינגערס, איינס, צוויי, איך לאז אויס די נעקסטע דריי פינגערס. פיר, פינף, זעקס, זיבן, אכט. יעצט גיי איך צוריק צו די אויסגעלאזטע פינגערס, ניין, צען, עלעף! עלעף פינגערס! די קינדער האבן זיך נישט געקענט איבערקומען, ביז די ראש ישיבה האט זיי אויסגעזאגט אז ווען מען זאגט אז מען לאזט אויס די נעקסטע דריי פינגערס, לאזט מען אויך אויס די נאמבער דריי, און מען גייט גלייך צו פיר, וועגן דעם מיינען זיי אז ס'איז דא 11 פינגערס.

דער ראש ישיבה האט זיי געוויזן קוק, איך האב 10 פינגערס, 5 אויף יעדע הענט. און דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו ציילן, די ערשטער פינגער האט ער געזאגט צען, די צווייטע פינגער האט ער געזאגט ניין, די דריטע איז געווען אכט, די פערטע זיבן, און זעקס... קוק ס'איז דא 6 פינגערס אויף די האנט! די קינדער האבן נישט געקענט כאפן וואס גייט פאר און זיי האבן געבעטן עס איבערצומאכן אפאר מאל... נאכדעם האט איינער פון די קינדער געמאכט א טריק למשל ער קענען ארויסשלעפן זיין הענט פון פלאץ אזוי ווי בתיה'ס הענט, עס איז געווען זייער אינטערעסאנט און יעדער האט געלאכט.

דער ראש ישיבה האט געמאכט א טריק ווי למשל ער גייט אראפ טרעפ צו א בעיסמענט. דער ראש ישיבה איז געשטאנען נאכן טיש, און אנגעפאנגען צו גיין און צוביסלעך איינגעבויגן די פיס, ס'האט אויסגעזען ווי ער גייט אראפ טרעפ ביז די בעיסמענט. עס איז געווען אזוי אינטערעסאנט און פריילעך ביי די סעודה, יעדער האט געלאכט און אלע קינדער האבן פרובירט נאכצומאכן די טריקס און געמאכט נאך אנדערע טריקס.

אינמיטן האט דער ראש ישיבה'ס קליינע אינגל אויסגעלאשן די לייט, און די ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען: "מענדל רוטה, מענדל רוטה, שבת". דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט אויב ס'איז דא אייסעס, אבער ס'איז נישט געווען. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז נעקסטע וואך זאל מען קויפן אייסעס ווייל מען דארף האבן אייסעס פאר די קינדער שבת.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גענומען איינע פון די פרשה ביכער וואס מען ברענגט אהיים פון חדר, און פארציילט די מעשה פון די פרשה מיט די בילדער פאר די קינדער. דער ראש ישיבה האט פארציילט פון די מבול, אז נח האט געבויט א תיבה, און די מענטשן האבן אים אויסגעלאכט.

דער ראש ישיבה האט געוויזן אויף די בילדער ווי די מענטשן לאכן און עס נאכגעמאכט, "דער מענטש האט געלאכט הי הי הי, און דער מענטש האט געלאכט הא הא הא, און דער מענטש האט געלאכט הע הע הע", און אזוי ווייטער ווי אזוי יעדער מענטש האט חוזק געמאכט פון נח אז דער אייבערשטער גייט ברענגען א מבול.

ווען דער ראש ישיבה האט נאכגעמאכט די מענטשן ווי זיי לאכן פון נח האט ער זיך אנגעכאפט די נאז און אזוי געלאכט אזוי ווי איינער לאכט מיט א פארשטאפטע נאז, מיט

א אינטערסאנטע קול, די קינדער האבן אזוי געלאכט אז די טיש האט זיך געשאקלט פון אזויפיל לאכן.

דערנאך האט דער ראש ישיבה מסביר געווען אז די מבול דאס איז דער יצר הרע. און די בלעטל וואס די פייגל - וואס נח האט ארויסגעשיקט צו זען אויב די מבול האט זיך שוין געענדיגט - האט צוריקגעברענגט, דאס איז דער 'דף גמרא', און ווען נח האט געזען אז ס'איז דא א בוים, וואס דאס איז א 'צדיק', און די פייגל האלט די בלאט גמרא אין מויל, האט ער געוואוסט אז ער קען שוין ארויסגיין פון די תיבה. ווי אזוי ווייסט מען אויב די מבול איז שוין געענדיגט? אויב מען האט דעם בלאט גמרא אין מויל. און דער ראש ישיבה האט אריינגעלייגט א פאפיר אין מויל און געשאקלט די הענט און געוויזן פאר די קינדער ווי למשל א פייגל פליט מיט די בלעטל אין מויל, און עס געמאכט זייער אינטערעסאנט פאר די קינדער.

נאכדעם איז מען אריינגעפארן אין א שמועס וועגן די שיינע וועלט וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, די קינדער האבן געפרעגט אלע מיני שאלות און דער ראש ישיבה האט זיי געענטפערט. איינער פון די קינדער האבן געפרעגט וועגן די מענטשן וואס זענען געווען אויף די לבנה, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווען דער ערשטער מענטש איז ארויף אויף די לבנה האט מוהרא"ש דעמאלטס געזאגט אז די גוים האבן געדארפט אויסגעבן מיליאנען דאלער צו ארויפגיין אויף די לבנה און אויסגעפינען וואס דער רבי זאגט אז די לבנה איז נאר אזוי ווי א שפיגל, עס שפיגלט אפ די ערד, אבער באמת איז גארנישט דא דארט אויף די לבנה.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז א מענטש דארף זיך צוגעוואוינען צו זיין אזוי ווי די ערד. וואס איז די ערד? מענטשן שפייען אויף די ערד, מענטשן ווארפן אראפ שמוץ אויף די ערד, און וואס געבט די ערד צוריק פאר'ן מענטש? נאר גוטע זאכן, ביימער, בלומען, פרוכט און ווייץ און אזוי ווייטער אלע גוטע זאכן וואס קומען פון דער ערד.

נאכדעם האט מען ווייטער געמאכט טריקס און פריילין געמאכט, און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ס'איז אמאל געווען א מענטש וואס פלעגט אלס פרעגן "אנטשולדיגט, אנטשולדיגט, איר וואוינט אפשר אין בארא פארק? איר ווייסט איינער וואס וואוינט אין בארא פארק? איר פארט אפשר אויף בארא פארק? אה, איר פארט נישט קיין בארא פארק? איר ווייסט אפשר איינער וואס פארט קיין בארא פארק? איר ווייסט ווי מען קען איינשטיין אין בארא פארק? ווען פארט די באס קיין בארא פארק? פון וואו פארט ארויס די באס קיין בארא פארק? אה, איר ווייסט נישט ווי ס'פארט די באס קיין בארא פארק?" די קינדער האבן פרובירט נאכצומאכן די וועג ווי אזוי דער ראש ישיבה האט עס געזאגט, אבער זיי האבן נישט געקענט און מען האט שטארק געלאכט, ס'איז געווען זייער פריילין.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה ווייטער דערציילט די פרשה פאר די קינדער, ווי אזוי אברם האט צובראכן אלע געטשקעס פון זיין טאטן'ס עבודה זרה געשעפט. און ער האט אריינגעלייגט די האק אין די גרעסטע געטשקעס האנט און ווען תרח האט געפרעגט אברם פארוואס ער האט צובראכן די געטשקעס, האט אים אברם געזאגט אז די גרויסע געטשקע האט צובראכן אלע געטשקעס. און זיין טאטע האט אים געטראגן צו די קעניג... און אזוי ווייטער די גאנצע פרשה. און דער ראש ישיבה האט עס אויסגעשפילט, און געזאגט פאר איינע פון די קינדער זאלן ווייזן אז א געטשקע קען גארנישט טון, און ער זאל זיך מאכן ווי א סטעטשו, און יעדער האט אים פראבירט צו מאכן לאכן... דערנאך האט מען געזינגען זמירות און געבענטשט, נאכן בענטשן האט דער ראש ישיבה געזאגט מען זאל אריינברענגען די גוטע נאש לכבוד שבת.

נאך די סעודה זענען געקומען בחורים צו די באטע און דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינער פון שטעטל האט געדינגען א דירה דא אין שטאט פאר שבת, און דער בעל אכסניא וואס געבט אוועק די דירה האט זיי געפרעגט וואספארא צייטונגען זיי ליינען, כדי צו קענען אנגרייטן פאר זיי. האבן זיי געענטפערט אז זיי ליינען נישט קיין צייטונגען. האט דער בעל אכסניא געפרעגט: ענק ליינען נישט קיין צייטונגען? איז וועלכע מאגאזין קען איך ענק יא אנגרייטן? האבן זיי געזאגט, מיר ליינען נישט קיין מאגאזינען. דער מענטש האט זיך נישט געקענט איבערקומען, ענק ליינען טאקע גארנישט? האבן זיי געענטפערט: 'מיר ליינען נאר עצתו אמונה'. דער בעל אכסניא איז געווארן זייער איבערגענומען פון די מעשה, ווייל ער האט שוין געהערט אז ס'איז דא מענטשן וואס ליינען נאר עצתו אמונה, אבער ער האט עס נישט געגלייבט ביז יעצט. און דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס וועגן די שעדליכקייט פון ליינען צייטונגען און מאגאזינען. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ברוך השם אין דעם הויז איז נאך פון די חתונה נישט אריינגעקומען קיין איין צייטונג.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון די בחורים וואס זענען געקומען צום באטע אויב זיי האבן שוין געליינט עצתו אמונה פון די וואך, ווען איינער האט געזאגט אז יא, ער האט עס שוין געליינט, האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון וועלכע בריוו האסטו באקומען א התעוררות, וועלכע בריוו האט דיך געמאכט תשובה טון? האט ער געזאגט איך ווייס נישט, אלע בריוון זענען שיין. און אזוי האט דער ראש ישיבה געפרעגט אפאר מענטשן, אבער קיינער האט נישט געוואוסט צו זאגן עפעס א ספעציעלע בריוו. האט דער ראש ישיבה געזאגט ענק זענען נישט קיין אמת'ע תלמידים.

איינער פון אנשי שלומינו האט געמאכט יענע וואך א שלום זכר  אין ישיבה. דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב אויב זי וויל אהינשפאצירן מיט אים. זי האט נישט געהאט קיין חשק, אבער דער ראש ישיבה האט איר געזאגט אז ער וויל נישט גיין אליינס נאר אויב זי קומט מיט, אויב זי בלייבט אינדערהיים בלייבט דער ראש ישיבה מיט איר. האט זי זיך אנגערופן אז דער ראש ישיבה קען גיין מיט זיין טאכטער... האט דער ראש ישיבה געזאגט, זי וועט גיין שפאצירן מיט איר מאן, איך וויל גיין שפאצירן מיט דיר. האט זי געזאגט אבער איך זע אסאך מאל ווי מענטשן שפאצירן מיט זייערע טעכטער אויפן גאס. האט דער ראש ישיבה געזאגט, זייער חשוב... ווי ארויסצוברענגן אז אויב יענער טוט עס, מיינט נאכנישט אז איך דארף עס נאכטון.

# בילדער
## אפטיילונג





בית המדרש היכל הקודש פרימישלאן קרית יואל
כתיבת ספר תורה צוזאמען מיט סיום 101 מאל מסכת תענית פון הבחור משה שמואל שטעסל נ"י - דינסטאג חיי שרה תשפ"ב





תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
דער ראש ישיבה שליט"א ביים באזוכן אין חדר אזוי אויך ביים כאפן א שפאציר מיט די עלטערע קינדער - דאנערשטאג תולדות



הערליכע טשילאר אינסטאלירט אין בית המדרש היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי



ביים גיסן קאנקריט פארן מצה בעקריי אין קרית ברסלב

# בילדער ארכיוון

## זכרונות פון נסיעה קיין אומאן מיט מוהרא"ש זי"ע

ווינטער - שנת תשמ"ו





ביים אנקומען אין שטאט אומאן



ביים זיך אויסגיסן דאס הארץ ביים ציון הקדוש



הארט נעבן ציון הקדוש



מוהרא"ש זי"ע ביים אראפלייגן ספר אשר בנחל ביים ציון



מען זעהט דעם ספר אשר בנחל ליגן ביים ציון הקדוש

UPSCALE LAYETTE AT WHOLESALE PRICES

# SECRET TO THE WELL DRESSED BABY

bambolìna

Baby Boutique

clothing | outerwear | blankets | jewelry | accessories | baby essentials | gifts

78 Denman Rd • Liberty, NY 12754 • 917 538 2832
open all year 'round • phone orders welcome

DYNAGRAFIK 845.352.1266

בס"ד

# ברכת מזל טוב

מעומקא דליבא נברך נהלל ונקלס, בשם כל הקהל
הקודש, פני מלכא רבנן, הדר כבוד תהלתו, מי ימלל
רב טובתו וגדולתו, לו נאה להודות, בעת שהשמחה
במעונו, בשמחה רבה ובטוב לבב, נקדמה פניו
בברכת סימן ומזל טוב

הי ניהו כבוד רב האי גאון מפורסם מעוז ומגדול נודע
בשערים, ללמד ולהורות בני ישראל הלכה ברורה,
מרביץ תורה ויראה רבות בשנים,

הרב הגאון רבי

# יחיאל שטיינמעטץ

שליט"א

דומ"ץ מאנסי • בעל מכשיר ועד העירוב

בתת השם שמחה באהלו בעת קשירת קשר שידוכין

**באירוסי נכדתו בת בנו**

**הרב ר' חיים מאיר שטיינמעטץ שליט"א**

**מנהל ועד העירוב**

**עב"ג החתן דוב ני"ו בן הר"ר יחיאל שטיינמעטץ שליט"א**

יהי רצון קדם אבוהון דבשמיא, שיעלה הזיווג יפה, ויזכו לבנות בית נאמן בישראל,
ויזכה הרב הגאון שליט"א לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציו עוד רבות בשנים
בבריות גופא ונהורא בעליא, עד לביאת גוא"צ במהרה בימינו אמן.

המברכים בכל לבב

**ועד העירוב קרית ברסלב ליבערטי**

ועד הערוב
קרית ברסלב
ליבערטי נ.י.


טייערע קינדער!
ווארטס מיט
שפאנונג